# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................. **8:15**
מוצאי שב"ק....................... **9:42**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.....................מלכים-א' ט'-י'
בבלי...........................ערכין כ'
ירושלמי.........................חלה ד'
תוספתא...........כתובות פרק ד'
רמב"ם.מטמאי משכב ומושב י"ב


פרשת קרח, ג' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 43 (403)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וְוִי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרַא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.

מֶען זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּהן דֶעם רָצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַארְפְן פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג. אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אִין דִי צַייט פוּן יָאר פָארְן אַסַאךְ אִידְן אַוֶועק פוּן דֶערְהֵיים אוֹיף דִי זוּמֶער וָואכְן, אָדֶער סַיי וואו אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַמָאל פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר. וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוְונְט א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צֶעמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פַאלְט צוּרִיק צוּ זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע מַעֲשִׂים - זָאל עֶר וִויסְן אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט כְּדֵי עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, עֶר זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט פַאר דֶעם, נָאר יֶעצְט אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלְץ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל אָנְגֵיין, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' קֹרַח תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין שָׁכֵן טוּט זאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר, וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שָׁכֵן וָואס הָאט לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, וָואס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ מַיין הוֹיז, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּעֶן זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר זֵייעֶר. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט אִין פָארְנְט מֶער וִוי עֶרְלוֹיבְּט, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֵייגְט פוּן הוּנְטְן אַן עֶירְקָאנְדִישָׁאן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין דִי הֵייסֶע לוּפְט צוּ דִי הוֹיף הוּנְטֶער מַיין הוֹיז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ מֶעג אִים עֶפֶּעס זָאגְן דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְמַיידְן מַחְלוֹקֶת אוּן אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, כָאטְשׁ וָואס מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז אִיךְ רוּף זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן וֶועגְן דֶעם.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא מַצָּב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אוֹיף דַיין שָׁכֵן, וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין עֶירְקָאנְדִישְׁן מַאשִׁין נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב זָאל פַּסְקְ'נֶען אַ דִין תּוֹרָה וָואס דִי הֲלָכָה אִיז.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען קוּקְט אָן דָאס גֵיין צוּ אַ דִין תּוֹרָה וִוי אַ מַחְלוֹקֶת; אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רָב הֶערְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת. מַחְלוֹקֶת אִיז וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען פַּסְקְ'נְט זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין שָׁכֵן וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין רָב אוּן עֶס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים; עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דַיינֶע טַעֲנוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֶפְשַׁר לָאזְט אִים דִי תּוֹרָה לֵייגְן דֶעם עֶירְקָאנְדִישְׁן דָארְט וואו עֶר הָאט דָאס גֶעלֵייגְט אוּן דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע אוֹיג, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן "עַיִן טוֹב", אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וֶוען דַיינֶע שְׁכֵנִים בּוֹיעֶן אַרוֹיס בְּשָׁעַת עֶס שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז אַ גוּטֶע מִידָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם? "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן טוֹבָה", רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַ גוּט אוֹיג; שְׁטֶענְדִיג קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נד) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א טז, יב): "יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי", עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ גוּטֶער קוּק; עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטְקֵייט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁכֵנִים אַרוֹיסְצוּבּוֹיעֶן וֶוען עֶס נֶעמְט גָארְנִישְׁט צוּ פוּן זֵיי.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן אוּן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם עַל פִּי תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שְׁלַח תשע"ט)

>>>>>>

הָאט גֶעפִירְט אַז עֶר דַארְף פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דִי מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואו מֶען גֵייט, כַאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים א.ד.ג.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קי"ט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (רֵישׁ פָּרָשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיף דֶעם, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז', אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז דָאךְ זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז'", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואו עֶר דַארְף אַלֶץ גֵיין יֶענֶעם טָאג. "אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּנֶעם וֶועג. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנְקְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ וִויסְן. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואו נָאר מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ מֶער וִוי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואו הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעווְאוּנְדֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר רֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּטְקֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְט פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְקֶעלֶעךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶוער עֶר זֶען וִוי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער רָב פוּן טְשֶׁעהְרִין זִי"עַ, עֶר

<<<<<<

פְּלֶעגְט זַייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין אַסַאךְ סְפָרִים, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְ'ן נָאמֶען "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה", אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים לוֹיטְ'ן רֶבִּינְ'ס לִמּוּדִים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיין שְׁמִירַת הַזְּמַן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן גָאר פְּרִי, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וָתִיקִין.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דֶער רָב פוּן שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְסַדֵר קִידוּשִׁין זַיין בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם שַׁמָשׁ אַז עֶר זָאל אִים מֶעלְדְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער שַׁמָשׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט יֶעדֶעס מָאל אַיינְגֶעמָאלְדְן פַארְ'ן רָב אִיבֶּער דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דֶער רָב פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גֵיין מְסַדֵר קִידוּשִׁין זַיין אַלֵיין, עֶר פְלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם דַיָּן מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, אוּן עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אֵיין טָאג וֶוען טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין הָאט עֶר גֶעזֶען דָארְט אַ חָתָן, פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָתָן: "וֶוען הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט?", זָאגְט עֶר: "נֶעכְטְן נַאכְט", אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָשׁ אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעלַאדְנְט נֶעכְטְן צוּ דִי חֲתוּנָה?" הָאט דֶער שַׁמָשׁ זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט: "אִיךְ זֶע דָאךְ אַז דֶער רָב קוּמְט סַיי וִוי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, נָאר עֶר אִיז מְכַבֵּד דֶעם דַיָּן מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן דֶעם רָב, אִיךְ וֶועל גְלַייךְ זָאגְן פַארְ'ן דַיָּין וֶועגְן דִי חֲתוּנָה", הָאט אִים דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר אָבֶּער אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה", וֶוען דֶער שַׁמָשׁ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט דֶער רָב אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צוּ חֲצוֹת צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַלְס רָב וָואלְט דָאךְ גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶס וָואלְט גֶענוּמֶען מִסְתָּמֶא אַ הַאלְבֶּע נַאכְט, אוּן דֶערְנָאךְ בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ דָאךְ סַיי וִוי אוֹיף, וָואלְט אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, פִּיר אִיךְ זִיךְ אָבֶּער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעמָאלְדְן וֶועגְן דִי חֲתוּנָה, הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה... זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט שְׁמִירַת הַזְּמַן, אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אוּנְטֶערְוֶועגְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ)

## קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס

אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ – דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז י) וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זַייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז זַייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען קוּקְן אוּן זוּכְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס אַ זַאךְ מִיט וָואס יֶענֶער אִיז יָא גוּט, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַז יֶענֶער זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע חֵלֶק וואוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, דוּרְךְ דֶעם מַאכְט מֶען אַז עֶר זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, נָאר עֶר אִיז שׁוֹין אַ סַךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט יָא גֶעטוּהן, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַ סַךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גוּט.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע אִינְהַאלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס. נָאר, אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, קוּק גוּט אוּן זוּךְ אוֹיף עֶרְגֶעץ וואוּ אִינֶעם מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר הָאט יָא עֶפֶּעס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן גוּט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה כ"ז)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אוֹיף חֲתוּנוֹת שְׁפָּארְט מֶען; פַּארְוָואס אוֹיף אוּמַאן גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אִיבְּרִיג גֶעלְט אוֹיף אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, אַז מְ'זָאל שְׁפָּארְן וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער וֶוען סְ'קוּמְט צוּ אוּמַאן, וָואס דָאס קָאסְט אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי טִיקֶעטְס, אַכְסַנְיָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָארְט גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט. פַארְוָואס אִיז דָאס אַנְדֶערְשׁ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער חִילוּק פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָאר שָׁעָה וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה צוּ גֶעוִוינֶען דֶערְבֵּיי אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְּדוּמֶּה וְכוּ', בִּיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּלִיבּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּ אַ צַדִיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז עֶר וֶועט אִים פַארְעֶכְטְן מִיט אַן אֵייבִּיגֶער תִּיקוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה – שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר – מַיינֶע תַּלְמִידִים – זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי אַלֶע וָואס פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי זֵיי אִיז דָאס וִוי וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט. וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דַאן נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט – אֲפִילוּ עֶס זָאל קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם גָאר טֵייעֶרְן לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶועןְ דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי – עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶערְפַאר פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אוּנְז שְׁוֶוער, אוּן מִיר צָאלְן פַאר דֶעם אַלֶע גֶעלְט וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ פַאר דֶעם אַבִּי צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן מַאכְן שִׂמְחוֹת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן; מֶען בָּארְגְט פוּן חֲבֵרִים, קְרוֹבִים, מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן וֶוען עֶס קוּמְט אֵיין שִׂמְחָה נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גְלַייךְ, אָבֶּער פַאר אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן, פַאר מוֹתָרוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן – דָארְט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוַוארְצְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גָלוּת פוּן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם אוּן פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע גָלוּת וָואס מִיר לֵייגְן זִיךְ אַלֵיינְס אַרוֹיף, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: "וּשְׁבֹר עוֹל הַגּוֹיִם", דֶער גָלוּת פוּן דִי פֶעלְקֶער, "וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת", אוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, "מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְתוֹלִיכֵנוּ מְהֵרָה קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.



**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ פִּדְיוֹן.**

**קמח**

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיפְגֶעטוּן, אַז עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, וַוייל אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן קוּמֶען צוּ אִים אַלֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוֹתִיּוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ פַאר אִים.

**קמט**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט פַארְ'ן שְׁלָאפְן אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אָדֶער וָואס זֶענֶען פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ. אַזוֹי וִוי סְ'אִיז בַּאקַאנְט אַז אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זֶעט עֶר דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ פַארְ'ן שְׁלָאפְן, וָואס אִיז אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן טוֹיט, זֶעט אוֹיךְ יֶעדֶער דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת. נָאר דִי נְשָׁמוֹת פְלִיעֶן דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאמֶערְקְט עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיךְ פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינִיג אִין דֶעם, נִישְׁט יֶעדֶער זֶעט קְלָאר דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת, סְ'זֶענֶען דָא וָואס אֲפִילוּ דֶעמָאלְט פְלִיעֶן דִי נְשָׁמוֹת דוּרְךְ פַאר אִים גָאר שְׁנֶעל אַז דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט עֶס נִישְׁט אוֹיף גֶעהֶערִיג, עֶר זֶעט נָאר אַ שַׁיין אוּן אַן הִתְנוֹצְצוּת פַאר דִי אוֹיגְן. אָבֶּער פַארְ'ן שְׁלָאפְן זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ נָאר אַ זֶעכְצִיגְסְטְל פוּן דִי שַׁיין, אוּן דֶערִיבֶּער כַאפְּט עֶס דֶער אוֹיג נִישְׁט אוֹיף.

דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דֶעם אַז עֶר זֶעט דִי נְשָׁמוֹת, וַוייל דֶער שַׁיין פוּן דִי נְשָׁמוֹת אִיז גָאר קְלֵיין אוּן סְ'פְלִיעֶט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט לְמַעֲשֶׂה דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן.

**קנא**

אִין יֶענֶע צַייט אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַ אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ לַמְדָן. [עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארְן דֶער רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב].

וִוי אַזוֹי אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן? עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוּמֶע, זַיין מַאמֶע'ס שְׁוֶועסְטֶער, וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט מִיט אִיר מַאן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע נֶעבְן רֶבִּי'ן, אוּן דִי מוּמֶע הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין רֶבִּי'ן.

אֵיינְמָאל הָאט זִי גֶעמַאכְט אַ שִׂמְחָה, זִי הָאט גֶערוּפְן אִיר מִשְׁפָּחָה צוּ דִי שִׂמְחָה, אוּן זִי הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט רוּפְן אִיר פְלוּמֶענִיק ר' אַהֲרֹן. הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט, "אוֹיבּ דַיין פְלוּמֶענִיק וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר, שִׁיק אִים גְלַייךְ צוּ מִיר". אוּן אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּן, גְלַייךְ וֶוען ר' אַהֲרֹן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט זִי אִים גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז קוֹים דֶעמָאלְט אָנְקוּמֶען פוּן אַ שְׁוֶוערֶע קַאלְטֶע שְׁנֵייאִיגֶע וֶועג, עֶר הָאט זִיךְ קוֹדֶם גֶעוָואלְט דֶערְוַוארֶעמֶען אוּן קוּמֶען צוּ זִיךְ. זִי הָאט אִים אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, זִי הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ מוּזְט שׁוֹין גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל דִיךְ זֶען". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמוּזְט גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר נָאךְ אָנְגֶעהַאט דֶעם שְׁוֶוערְן וִוינְטֶערְדִיגְן מַאנְטְל, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קַאלְט פוּן דִי וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז דִיר קַאלְט? בַּיי מִיר וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים מִיט חָכְמָה, בִּיז ר' אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעצוֹיגְן צוּם רֶבִּי'ן. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין מוּמֶע פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן.

**קנב**

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה צוּזַאמֶען מִיט ר' אַהֲרֹן. אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "הָאסְט זִיךְ שַׁיין גֶע'טוֹבְלְ'ט; וֶוען דוּ וֶועסְט אָבֶּער זַיין מְקוֹרָב צוּ מִיר, וֶועסְטוּ זִיךְ שֶׁענֶער קֶענֶען טוֹבְלְ'ן".

דֶער רֶבִּי הָאט תּוֹפֵס גֶעוֶוען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ דִי עֲבוֹדָה מִיט דִי שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים וָואס ר' אַהֲרֹן הָאט אִינְזִין גֶעהַאט אִין מִקְוֶה, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זַיין מְקוֹרָב צוּם אִים, וֶועט עֶר קֶענֶען זִיךְ נָאךְ שֶׁענֶער טוֹבְלְ'ן.

**קנג**

דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דֶערְפַאר וִוינְטְשׁ אִיךְ דִיר אַז זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט צוּ פַארְשְׁטֵיין מַיינֶע שִׂיחוֹת חוּלִין".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## ערשטע שבת אין קעמפ דורך זייער שיין ב"ה

פארגאנגענעם סוף וואך זענען שוין די משפחות ארויסגעקומען אין קעמפ, צו ווילן אויפ'ן קומענדיגן זומער הבעל"ט. עס איז דורך א זייער שיינעם שבת.

פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה איז מען זיך צוזאם געקומען צום באטע, דער ראש ישיבה האט געשמועסט שיינע התחזקות. ער האט נאכגעזאגט פון רבי'ן איבער דעם בוים וואס אלע סארט חיות און עופות קענען רוען אונטער איר שאטן, און דער תענוג און געשמאק וואס איז פארהאן דארט איז גארנישט צום באגרייפן (ספורי מעשיות, מעשה י"ג פון די זיבן בעטלערס) האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס קען מען שפירן דא אין קעמפ, עס קומען זיך צוזאם אלע סארט מענטשן, פון אלע סארט משפחות און מנהגים, אלע אין איין פלאץ, ווייל אלע קומען דא בלויז צו הערן דעם הייליגן רבינ'ס דיבורים, און דער תענוג וואס געפינט זיך ביי דער בוים האט קיין שיעור נישט.

שבת קודש אינדערפרי נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות (מעשה י"ב - דער בעל תפלה) "ווי דער בעל תפלה איז אזוי געגאנגען, האט ער געזען אז ס'גייען מענטשן און בעטן גאט ברוך הוא און זענען מתפלל, און זיי טראגן ספרים פון תפלות, האט ער זיך דערשראקן פון זיי, און זיי האבן זיך אויך דערשראקן פון אים; האט ער זיך געשטעלט מתפלל זיין, און זיי האבן זיך אויך געשטעלט מתפלל זיין". האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז דאס איז די עצה פאר אלע סארט שוועריקייטן, פחדים, ענקזייעטיס, פאביעס א.א.וו. וואס מענטשן גייען דורך, איז די איינציגסטע עצה נאר צו בעטן דעם אייבערשטן, "באשעפער, איך האב מורא פון דאס און דאס, העלף מיר עס זאל צו מיר נישט געשען דאס און דאס", און אזוי וועט דער מענטש ארויסגיין פון אלע זיינע פראבלעמען. תפלה קען ארויס נעמען דעם מענטש פון די גרעסטע תאוות, נסיונות, און אלע פראבלעמען ברוחניות ובגשמיות, אבער נאר בתנאי אז מען געבט נישט אויף, מ'לייגט צו נאך א תפלה און נאך א תפלה, און צום סוף וועט מען זיכער פועל'ן. דער ראש ישיבה האט דערנאך דערציילט אסאך פערזענליכע מעשיות ווי אזוי אידן זענען ארויס פון די גרעסטע צרות נאר דורך תפלה.

מוצש"ק ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'פירט זיך צו דערציילן מעשיות פון צדיקים ביי מלוה מלכה ווייל אויב מ'וויל א וואך פון הצלחה דארף מען האבן אמונת חכמים, ווי מ'זינגט ביים דעם ניגון "גאט פון אברהם". די וועלט ווינטשט "א וואך פון ישועות, א וואך פון רפואות, און א וואך פון אסאך געלט", האט דער ראש ישיבה געפרעגט, וואס וועט דיר "אסאך געלט" העלפן? אנשטאט דעם דארף מען וויכטיג האבן א וואך פון אסאך אמונת חכמים, ווייל די עצות פון די צדיקים דאס ברענגט אונז אלע ישועות.

אנהויב די וואך זענען די בחורים ארויסקומען אין קעמפ, וואו זיי וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארברענגען א זומער אויף די פרישע ריינע לופט אינעם קעמפ, וואס דער ראש ישיבה גלייכט צו רופן "א ריהעב פון אמונה", און זיך אנשעפן פרישע כוחות צו דינעם דעם אייבערשטן פאר א גאנץ יאר.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

## ערשינען הערליכע סידי'ס פון שיעורים אין ספר שמואל א' און ב' פונעם ראש ישיבה שליט"א

עס איז א גרויסע שמחה צו לאזן וויסן אז עס איז נארוואס ערשינען אויף סידי'ס די הערליכע וועלט בארימטע שיעורים אין תנ"ך פונעם ראש ישיבה שליט"א. צום ערשט האט מען ארויסגעגעבן די שיעורים אין ספר שמואל א' און ב'.

די שיעורים אין תנ"ך זענען ספעציעל בארימט מיט די קלארקייט מיט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט עס פארגעלערנט, און ווי ער נעמט ארויס די חיזוק און מוסר פון די הייליגע פסוקים וואס מיר דארפן מיטנעמען אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן.

די סידי'ס זענען שוין דא צו באקומען ביי די מפיצים, אדער קען מען רופן אויף 347-509-4908.

בעזר ה' וועלן די איבריגע ספרי תנ"ך, פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה, ערשיינען בקרוב. דערווייל קען מען הערן פארגעלערנט גאנץ נ"ך אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב", אויף 212-444-9191, דארט דארף מען דרוקן 2 און דערנאך 8. [די איבריגע לאקאלע נומערן אין אלע געגנטער, געפונט זיך ביים סוף פונעם גליון].

**לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר ה'!**


# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**